אַ מעשה שהיה, וואָס מיט מיר אַליין האָט געטראָפען, דערצעהלט לכבוד פסח, כאָטש ס'האָט נישט צו טהון ניט מיט פסח, ניט מיט שבועות, ניט מיט סוכות, און עס קאָן זעהר שען דערצעהלט ווערען אין אַ וואָכעדיגען טאָג אויך — אַבי מע זאָל נאָר וועלען הערען.

# Tit For Tat

## אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

TRANSLATED BY ISIDORE GOLDSTICK

I WAS a *rabbiner* at one time. That's an unpleasant page in my life. A *rabbiner*, you must bear in mind, is not the same as a rabbi. To be exact, he is a rabbi, but something besides—a "crown rabbi".

I hardly need explain to my own countrymen the functions of a "crown rabbi" in Czarist Russia. They know perfectly well what kind of animal he is. Registries of births, circumcisions, weddings and divorces—these are his stock-in-trade. And he collects a tax from all and sundry. As a rabbi, he is accorded the most prominent seat in the synagogue; he is the first to rise at the prayer for royalty; if a holiday is celebrated or some other festive occasion, then *on* goes the topper and *out* comes a speech, and always in Russian: "*Gospoda prikhozhane*, ladies and gentlemen of the parish", or "*Blagochestivye bratya*, devout brethren."

In short, it wouldn't be accurate to say that our people are especially fond of a *rabbiner*. In fact, they just tolerate him, pretty much as they do a police commissioner or some other confounded red-tapist. And yet he is chosen every three years by means of a *vybor*—a kind of election—in much the same way as the Americans choose their president, if you will pardon the comparison. Mind you, he is elected by none other than the people themselves. To be precise, the community receives an official letter, which freely translated into our vernacular, amounts to this: "His Excellency the Governor enjoins you, damned Jews, to assemble in the synagogue and elect your *rabbiner*."

Then come the elections: candidates, quarrels, brandy and bribery. This is followed by a stream of denunciations to the Governor. The elections are annulled and new ones are ordered. And then the same old story of candidates, clashes, parties, brandy and bribery—all in all, a very merry time!

As I've said—"I make mention of my faults this day"—I was a *rabbiner* in a small town. It's no secret, I don't even mind giving you this detail: it was in a small town in the government of Poltava. Now I tried to be modern. So I doffed my "cockade" and poked my nose into the community pot: busied myself with communal institutions, such as the Hebrew school and the free loan society; and acted as arbitrator, as rabbinical judge, or just as counsellor.

I have inherited from my father and my uncles of blessed memory a predisposition to arbitration and counsel. They, too, were fond of being worried by other people's affairs.

Well, that's the kind of *rabbiner* I was and, if I might indulge in a bit of self-praise, I had a host of followers, devoted zealots, who did not hesitate to visit me daily, hang around well on into the small hours and fill my head full of all sorts of things. It goes without saying that they didn't refuse a glass of tea; nor did they disdain my cigarettes; to say nothing of journals and books. In short, it was a case of "thou art our brother"—our flesh and blood and that's all there is to it.

One fine day, my door opened and in trooped a galaxy of citizens, the pink of the community, its very flower—four notable citizens and men of substance.

"Good morning, *rabbiner*," they greeted me.

Let me tell you who they were. Three of them were known as "the threesome", because they always did business in partnership. This despite the fact that they constantly quarrelled, forever distrusted and kept a sharp eye on one another. They stuck together, however, on the principle of "safe alternative": either it's a profitable transaction, and so I want to come in on it; or it's a losing game, in which case I won't be the only one to break my neck.

Well, the three partners combined with a fourth man, did business with him for nearly a year and then came to blows. What was it all about? "Ever since thieves, swindlers, and rogues have come into this world, there has never been a thief, swindler and rogue like him!" So the three partners accused the fourth one, while the latter laid an identical charge against them: "Since the creation of thieves, swindlers, and rogues, there have never been any thieves, swindlers, and rogues like them."

## אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

ניט היינט געדאַכט, ניט פאַר אייך געדאַכט — איך בין אַמאָל געווען אַ ראַבינער. אַ ראַבינער, נישט קיין רב. דאָס הייסט, טאַקי אַ רב, נאָר אַ „ק אָ ז י אָ נ ע ר“...

וואָס אַ „קאָזיאָנער רב“ איז דערהיים בעדייט — בעדאַרף איך פאַר מיינע היימישע אידען קיין סך נישט ערקלעהרען. זיי ווייסען שוין אַליין, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין חיה. אַ מעטריקע, אַ ברית, אַ חתונה, אַ גט — דאָס איז זיין ארבייט. און ער האָט זיך אַ טאַקסע פון טוידט און פון לעבעדיג... אין שוהל קומט איהם דער אויבען־אָן. מעשה רב: צו „הנותן תשועה“ שטעהט ער אויף דער ערשטער; און קומט אַ יום־טוב, אַ טאַבעל־טאָג הייסט עס, איז אַ ר י י ן אין'ם צילינדער און אַ ר ו י ס מיט לשון, און דוקא „רשעות“: „גאָספּאָדאַ פּריחאָזשאַנע!“ אָדער „בלאַגאָטשעסטיוויע בראַטיאַ!“... זאָגען, אַז מע האָט ביי אונז שטאַרק ליעב אַ ראַבינער — עט! גאָרניט, מע האַלט זיך מיט איהם. עלעהיי אַ פּריסטאַוו אָדער איין אַנדער קנעפּעל, אַ שוואַרץ יאָהר. און דאָך ווערד ער געוועהלט אַלע דריי יאָהר דורך „וויבאָרעס“ — אַ מין עלעקשאָן, ווי ביי אייך אַ פּרעזידענט, להבדיל. און אויסגעקליבען ווערד ער דוקא פון'ם פאָלק, דאָס הייסט, מע שרייבט אַריין אַ פּאַפּיער צו דער קהילה: „נאַ אָסנאָוואַניע פּרעדפּיסאַניאַ יעוואָ פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואַ גאָספּאָדינאַ גובערנאַטאָראַ — פּריקאַזאַל...“ אויף אונזער לשון וועט דאָס הייסען כמעט אַזוי שעהן ווי: „דער אדון דער גובערנאַטאָר הייסט אייך, איהר זאָלט אייך צענויפקומען, אידעלעך פאַרכעס, אין שוהל אַריין און אויסקליבען אייך אַ ראַבינער!“...

דערנאָך הויבען זיך אָן די „וויבאָרעס“: קאַנדידאַטען, מחלוקת'ען, בראָנפען און חאַבאַר... דערנאָך הויבען אָן לויפען דאָנאָסלעך, מסירה'לעך הייסט עס. אין דער „גובערנסקע פּראַוולעניע“... איז מען מבטל די וויבאָרעס, און מע הייסט מאַכען נייע וויבאָרעס, און ווידער „נאַ אָסנאָוואַניע פּרעדפּיסאַניאַ יעוואָ פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואַ“, און ווידער קאַנדידאַטען, מחלוקת'ען, פּאַרטיעס, בראָנפען און חאַבאַר — חי געלעבט!

בין איך געווען, את חטאי אני מזכיר היום, אַ ראַבינער אין אַ קליין שטעדטעל. ס'איז נישט קיין סוד, איך קאָן אייך זאָגען אפילו מיט אַ סימן: אין פּאָלטאַווער גובערניע. געוואָלט האָב איך אָבער זיין מאָדערן, אַ יוצא מן הכלל, נישט ווי אַלע ראַבינערס. האָב איך אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס „קנעפּעל“ און גענומען אַריינקוקען בעסער אין קהל'שען טאָפּ אַריין, אָפּגעבען זיך מיט כלל־זאַכען, אַ תלמוד־תורה, אַ גמילות־חסדים, אַ פּערלאָזעניש, אַ בוררות, אַ דין־תורה און גלאַט איין עצה.

אַ פּערלאָזעניש, אַ בוררות, איין עצה — דאָס האָב איך געירש'עט פון מיין טאַטען און פון מיינע פעטערס. זיי, עליהם השלום, האָבען אויך ליעב געהאַט, מע זאָל זיי „באָדערען“ מיט פרעמדע „ביזנעס“. פאַרהאַן אַלערליי מינים מענשען אויף דער וועלט. פאַרהאַן מענשען אַזעלכע, וואָס מע קאָן זיי ניט באָדערען בשום אופן. איהר וואָלט זיי געבאָדערט — לאָזען זיי זיך ניט. און פאַרהאַן ווידער מענשען אַזעלכע, וואָס איהר קאָנט זיי אַרויפקריכען גלייך אויפ'ן קאָפּ, נישט מיט אַ מאָל, ביסלעכווייז: פריהער אויפ'ן שויס, דערנאָך אויפ'ן קאָפּ און דערנאָך מיט די טיעפע קאַלאָשען אין האַרצען אַריין אויף אַ גאַנץ ווינטער.

אָט פון דעם מין ראַבינערס בין איך געוועזען און האָב געהאַט, איך מעג מיך בעריהמען, אַ סך אַנהענגער און גאַנץ הייסע חסידים, וואָס האָבען זיך נישט געשעמט צו קומען אַלע טאָג, אָנבאָראַבאַנעווען אַ פולען קאָפּ און אָוועקזיצען ביז העט־ווייט אין דער נאַכט אַריין; ניט אָפּגעזאָגט זיך קיין מאָל פון אַ גלעזעל טיי; פּאַפּיראָסען, פערשטעהט זיך, מיינע; צייטונגען און ביכער — שמועסט מען ניט. מיט איינעם וואָרט, אחינו אתה — נאָש בראָט, און שוין.

ויהי היום, עפענט זיך איינמאָל די טהיר, און עס קומען אַריין די שבעה טובי העיר, דער רעכטער שפּיגעל, דער סאַמע צימעס פון שטאָדט, — פּיער אידען בעלי־בתים, מע קאָן זאָגען נגידים: „אַ גוט מאָרגען, ראַבינער!“ ווער זענען דאָס געווען? דריי פון זיי זענען געווען די „טראָיקע“ — אַזוי האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבען אין שטעדטעל דערפאַר, ווייל זיי האָבען תמיד געהאַנדעלט אַלע דריי בשותפות'דיג, אַלע מאָל נעקריעגט זיך, שטענדיג חושד געווען איינס דאָס אַנדערע און געקוקט זיך אין האַנד אַריין — און פון דעסטוועגען איז מען קיינמאָל ניט צעגאַנגען זיך, איבער אַ פּרינציפּ פון אַ ממה־נפשך: „איז דאָס געשעפט אַ גוט געשעפט און מע וועט פערדיענען, פאַר וואָס זאָל איך אויך ניט אָפּלעקען אַ ביינדעל?

